# די גאָלדענע פּאַווע

עס איז געפֿלויגען די גאָלדענע פּאַווע
פֿון אַ פֿרעמדען לאַנד,
פֿון אַ פֿרעמדען לאַנד,
האָט זי פֿערלוירען דעם גאָלדענעם  פֿעדער { ביס
מיט אַ גרויסען שאַנד.

עס קוּמט צוּפֿליען די גאָלדענע פּאַווע
פֿון אַ פֿרעמדען לאַנד,
פֿון אַ פֿרעמדען לאַנד, { ביס
האָט זי פֿאַרלוירען דעם גילדענעם פֿעדער
מיט אַ גרויסען שאַנד.

ס´איז נישט אַזוי דער גילדענער פֿעדער,
ווי די פּאַווע אַליין,
ווי די פּאַווע אַליין,
עס איז נישט אַזוידער איִדעם { ביס
ווי די טאָכטער אַליין.

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוּטער,
אַ פֿויגעלע אויף דעם ים,
אַ פֿויגעלע אויף דעם ים,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוּטער, { ביס
ביי אַ שלעכטען מאַן.

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוּטער,
אַ פֿויגעלע אָן אַ נעסט,
אַ פֿויגעלע אָן אַ נעסט,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוּטער, { ביס
שווער און שוויגער´ס קעסט.